NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06859

IKH ZING

Aliza Greenblatt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איך זינג

פון

עליזה גרינבלאט

פאַרלאַג עליזה

ניו־יאָרק

1947

ICH ZING

Copyright, 1947, *by*
ALIZA GREENBLATT
3755 CYPRESS AVENUE
BROOKLYN, N. Y.

געדרוקט ביי ברידער שולזינגער

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

253

מיט ליבע מיינע

פיר אייניקלעך

חיה־שרה׳לע

יהודית׳ל

בערעלע

דוד׳ל

איך זינג

איך זינג מיט יידן יידיש,
איך זינג און ווער ניט מיד,
איך זינג מיט יידן יידיש
איך זינג מיין יידיש ליד.
און אַז די יאָרן ציען גרוי,
אויף מיין וועג עס פאַלט קיין טוי,
און אַז דאָס לעבן איז מיר שווער,
פון מיין אויג עס טריפט אַ טרער,
איך זינג מיט יידן יידיש,
איך זינג און ווער ניט מיד,
איך זינג מיט יידן יידיש,
איך זינג מיין יידיש ליד.

מאַמע־לשון

מאַמע לשון, יידיש לשון,
ביסט מיר אַזוי טייער ;
זינגט־זשע, קינדער, זינגט מיט חשק,
האַרציקער, געטרייער !

נייע צייטן, נייע לידער,
פרעמדע קוואַלן רוישן ;
נאָר דאָס יידיש, שטענדיק טייער,
אונדזער יידיש לשון.

זינגט־זשע אַלע, זינגט־זשע העכער,
יידיש אַ מחיה !
זינגט־זשע קינדער, גאָר אַ וואונדער,
אַ יידיש ליד אַ נייע.

יידיש לשון, ליבער לשון,
ביסט מיר אַזוי טייער ;
זינגט דאָס לידל, ליבע קינדער,
זינגט מיט ברען, מיט פייער.

(מוזיק פון מיכל געלבאַרט אויף זייט 60)

אַ יידיש מיידעלע

איך בין אַ יידיש מיידעלע,
דאַרף איך יידיש רעדן;
ווי מיין טאַטע־מאַמע רעדט
מיט מיין באָבע־זיידן.
יידיש שרייבן, יידיש לייענען,
און אויף יידיש שפּילן;
יידיש לאַכן, יידיש וויינען,
און אויף יידיש פילן.
לאָמיר אַלע קינדערלעך,
אין דער שולע גיין;
וועלן מיר דאָרטן לערנען,
יידיש צו פאַרשטיין.
יידיש שרייבן, יידיש לייענען,
און אויף יידיש שפּילן;
יידיש לאַכן, יידיש וויינען,
און אויף יידיש פילן.

(מוזיק פון מיכל געלבאַרט אויף זייט 61)

יאַנקעלע

איז יאַנקעלע אַ ייִנגעלע
מיט ייִנגעלעך צוגלייך;
עס ווייסט שוין אָבער יאַנקעלע·
אַז ייִדיש איז זיין שפּראַך.
קען יאַנקעלע שוין ייִדיש שרייבן.
ער קאָן אויך ייִדיש ריידן.
רעדט ער ייִדיש מיט זיין מאַמען,
שרייבט אַ בריוו דעם זיידן.

(מוזיק פון לעאָן מאַלאַמוט אויף זייט 62)



א מעשה׳לע אַי־אַי!

כ׳וועל דערציילן אייך אַ מעשה׳לע,
אַ מעשה׳לע אַי! אַי!
צוויי מיידעלעך, אַ ייִנגעלע,
צוזאַמען זענען דריי.

חיה-שרה׳לע אַ שטיפּערקע,
אַ מיידעלע אַ גאָלד,
זי רעדט אַ סאַך, און לאַכט אַ סאַך,
אַ מויד שוין פיר יאָר אַלט.

יהודית׳ל אַ שטילענקע,
ס׳איז איר גוט און וואויל,
קלייבט אויף יעדעם ברעקעלע
און לעגט עס טיף אין מויל.

בערעלע אַ פעטינקער,
אַזוי ליב און שיין,
שטעלט זיך אויף די פיסעלעך,
און לערנט זיך צו גיין.

אָט, דאָס איז דאָס מעשה׳לע,
דאָס מעשה׳לע אַי! אַי!
דאָס זענען מיינע קינדערלעך,
אַלע,ביידע, דריי.

אַ מעשה

אַמאָל איז געווען אַ מעשה,
אַ מעשה מיט אַ האָן,
אַ מעשה מיט אַ האָן,
אַ מעשה לאָזט זיך אויס,
אַ מעשה הייבט זיך אָן.

דערציילן אייך די מעשה
איז פאַר מיר ניט שווער,
איז פאַר מיר ניט שווער,
די מעשה איז אַ מעשה
מיט אַ שוואַרצן בער.

וואַרט־זשע נאָר אַ ביסל,
איך דערצייל אייך באַלד,
איך דערצייל אייך באַלד,
די מעשה ט׳זיך פאַרלאָפן
אין אַ ווייטן וואַלד.

ביי דעם וואַלד אַ טייכל,
און אפשר גאָר אַ ים,
און אפשר גאָר אַ ים,
די מעשה לאָזט זיך אויס
מיט אַ ווייסן לאַם.

מיט אַ ווייסן לאַם
צי גאָר אַ סטאַדע רינדער,
צי גאָר אַ סטאַדע רינדער,
די מעשה האָב איך אויסגעטראַכט,
פאַר אייך ליבער קינדער.

דבורה׳לע

דבורה׳לע איז אַ מיידעלע,
זיבן יאָר בלויז אַלט;
מיט אייגעלעך פאַרחלומ׳טע,
אַ קעפּעלע מיט גאָלד.

זינגט דבורה׳לע אַ לידעלע,
טייטשט עס אויס גאַנץ שיין;
שמייכלען אירע אייגעלעך,
כשר׳ע און ריין.

פרעג איך באַלד ביי דבורה׳ן,
וואו לערנסטו מיין קינד?
כ׳גיי אין שול דער יידישער,
ענטפערט זי געשווינד.

ברײנדל מזיק

װילט איר װיסן װי איך הײס?
װיל איך אײך ניט זאָגן.
מאַמע רופֿט מיך ברײנדעלע,
טאַטע רופֿט מיך ברײנטשעלע,
און אַז איך װיל ניט פֿאָלגן,
הײס איך ברײנדל מזיק.

װילט איר װיסן װאָס כ׳האָב ליב?
כ׳האָב פֿײנט צו עסן ספּינאַטש.
ס׳איז מײן גרעסטער פֿאַרגעניגן,
זיך מיט די ײנגלעך אַרום צו קריגן.

מאַמע רופֿט מיך ברײנדעלע,
טאַטע רופֿט מיך ברײנטשעלע,
די ײנגלעך — ברײנדל מזיק.
איר װײסט נאָך אַלץ ניט
װי איך הײס?

איך הײס... איך הײס...
איך הײס... איך הײס...
ר׳זאָלט ניט דרײען מיר
קײן ספּאָדיק.



חיה־שרה׳לע

ס׳האָט מיין קליין חיה־שרה׳לע
אייגעלעך אַ פּאָרעלע,
הענטעלעך און פיסעלעך,
און קאַשע פולע שיסעלעך.

עסט מיין קליין חיה־שרה׳לע,
מיט ליפּעלעך אַ פּאָרעלע;
אַ ביסעלע, אַ שלינגעלע,
און קנאַקט צו מיטן צינגעלע.

ס׳האָט מיין קליין חיה־שרה׳לע
פיסעלעך אַ פּאָרעלע;
שיכעלעך און זעקעלעך,
נ׳פּוכקע, רויטע בעקעלעך.

(מוזיק אויף זייט 63)

בערעלע

ס'האָט מאַמע אַ קליין ייִנגעלע
פון שפּיטאָל געבראַכט;
אַ ייִנגעלע אַ וויינער,
סע שרייט אַ גאַנצע נאַכט.

כ'דענק ער רעדט צו מיר אַזוי,
נאָר כ'קען אים ניט פאַרשטיין,
ווען כ'וויל זיך מיט אים שפּילן,
זאָגט מאַמע ר'איז צו קליין.

ווען איך זאָל זיין אַ מאַמע,
כ'וואָלט נעמען אים אין שוים;
אים האַלטן אונטער רעגן,
און זאָל ער ווערן גרויס.

ווען איך וועל ווערן גרויס

מאַמע שטענדיק איז פאַרנומען,
נאָר זי ראַמט דאָס הויז.
איך וועל קאָכן, באַקן,
ווען כ׳וועל ווערן גרויס.

פרישע צוקער לעקעכלעך,
און געפילטן קוכן.
כ׳וועל ביים אויוון שטיין,
און האַלטן אין פאַרזוכן.

כ׳וועל פרעגלען איינגעמאַכצן,
עפּעס גוט צום נאַשן.
כ׳וועל די טעפּ און טעפּעלעך,
קיינמאָל ניט צעוואַשן.

מאַמע שטענדיק איז פאַרנומען,
נאָר זי ראַמט דאָס הויז.
איך וועל קאָכן, באַקן,
ווען כ׳וועל ווערן גרויס.

אַ יינגעלע

זיצט אַ יינגעלע אַ קליינס,
עפּעס טיף פאַרקלערט;
די ליפּעלעך זיי ציטערן,
די אייגעלעך פאַרטרערט.

„זאָג מיר מאַמע", פרעגט ער שטיל,
מיט אַ מינעלע זייער פרום —
דאַרפן אַלע מאַמעס שטאַרבן?
ס'וויינט אין אים זיין שטים.

מוזן אַלע מאַמעס שטאַרבן?
זאָג מיר, יאָ צי ניין.
צי וועל איך, כאָטש, אויף יענער וועלט,
מיט דיר זיך קענען זען?

בלאסער ווערט זיין פּנים'ל,
אין זיינע אייגלעך צוויי,
ציטערן טרערעלעך,
קלאָרענקע ווי שניי.

עס בלייבט פאַרקלערט דאָס יינגעלע,
און שטאַמעלט, ס'האָט קיין זין.
מאַמעס וואָלטן אייביק לעבן,
ווען אַ גאָט איך בין.

טריפן זיינע טרערעלעך,
אויף דער מאַמעס שויס,
זי דריקט צו זיך איר יינגעלע,
און קושט די טרערן אויס.

די מאַמע

גאָט האָט באַשאַפן דאָס לעבן,
ס'פאַלט אָפּט אַזוי מורא'דיק שווער;
גאָט האָט באַשאַפן די מאַמע,
וואָס העלפט מיט אַ קרעכץ, מיט אַ טרער.

גאָט האָט באַשאַפן דעם פרילינג,
די בלומען, וואָס בליען אין מאַי.
גאָט האָט באַשאַפן די מאַמע,
וואָס בלייבט אונז אויף א י י ב י ק געטריי.

גאָט האָט באַשאַפן די מאַמע,
קיינער פאַרנעמט נישט איר אָרט.
פון אַלע ווערטער דאָס שענסטע —
מאַמע איז דאָס הייליקסטע וואָרט.

„מאַמע" עס מורמלען די ליפּן,
ווען עפּעס אין הארצן עס קווילט.
גאָט, שענק לאַנגע גליקלעכע יאָרן
אַלע מ א מ ע ס אויף דער וועלט.

אַ ר י נ ג

נעמט מיך אין דעם רינג אַריין,
לאָמיר אַלע פריילעך זיין.
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
שפּילן מיר זיך פראַנק און פריי
איינס, צוויי דריי, איינס, צוויי דריי —
שפּילן מיר זיך טראַ־לאַ־לאַי!

הענט און הענטלעך אין אַ ראָד,
פלעכט זיך איין אין קאַראַהאָד.
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
שפּילן מיר זיך פראַנק און פריי,
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
שפּילן מיר זיך טראַ־לאַ־לאַי!

פיס און פיסלעך טריט נאָך טריט.
שטעל זיך, רחל, אין דערמיט.
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
שפּילן מיר זיך פראַנק און פריי,
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
שפּילן מיר זיך טראַ־לאַ־לאַי!

לאָמיר טאַנצן רונד אַרום,
פריער דו און באַלד איך קום.
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
שפּילן מיר זיך פראַנק און פריי,
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
שפּילן מיר זיך טראַ־לאַ־לאַי!

טאַנץ און שפּרינג און לאַך און זינג.
הענט צענעם — און אוים דער רינג.

(מוזיק פון מיכל געלבאַרט אויף זייט 65)

דער קליינער איצל

ס'האָט דער קליינער איצל,
זיך אָנגעטאָן אַ מיצל,
אַ מיצל מיט אַ שפּיצל,
מיט גלעקעלעך באַם ראַנד.

זיך צוגעקלעפּט אַ בערדל,
געמאַכט פון באַנק אַ פערדל,
געלאָזט האָט ער זיך רייטן,
אין אַ ווייטן לאַנד.

ער גלעט מיט שטאָלץ דאָס בערדל,
שמייסט מיט כעם דאָס פערדל,
מיט בייטשל אין דער האַנט.
ס'גיט אַ דריי זיך איצל,
ס'פאַלט אַראָפּ זיין מיצל,
דאָס מיצל מיטן שפּיצל,
מיט גלעקעלעך באַם ראַנד.

עס ציטערט אַזש זיין בערדל,
ער קוקט מיט כעס צום פערדל,
מיט בייטשל אין דער האַנט.
עס בלייבט פאַרשעמט דאָן איצל,
ער שטייט גאָר ביי דער וואַנט...

פּאַטשן הענטלעך

פּאַטשן הענטלעך,
טופּען פים:
מיר דעם באָקסער
דיר די נים.
דו אַ זאָג
און איך אַ זינג,
דו אַ טאַנץ
און איך אַ שפּרונג.
מיר אַ טייטל
דיר אַ פייג,
מיר אַ בלעטל
דיר אַ צווייג.
דו דער חכם
איך דער נאַר,
גיב אַן עפּל
מיר דערפאַר.
פּאַטשן הענטלעך
טופּען פים:
מיר דעם באָקסער
דיר די נים.
דיר אַ ווײַנשל
מיר אַ קאַרש,
דו אַ לידל
איך אַ מאַרש.

(מוזיק פון מיכל געלבאַרט אויף זייט 64)

אַ שפּיל אַזאַ

ייִדל, יידל, נעם דעם פידל,
שפּיל מיר אויף אַ פריילעך לידל,
איינס, צוויי, דריי,
כאַ—כאַ—כאַ,
שפּילן מיר אַ שפּיל אַזאַ.

זיידל, פריידל, אין אַ רינג,
דו אַ טאַנץ און איך אַ שפּרונג,
הייקע־בייקע פּיאַנאָ שפּיל!
שפּילן שפּיל נאָר מיט געפיל.
איינס, צוויי, דריי
כאַ—כאַ—כאַ,
שפּילן מיר אַ שפּיל אַזאַ.

וועלפקע מזיק, גיב אַ שפּאַן,
קלאַפּ צו אויפן באַראַבאַן.
איציק, שפּיציק, גראָבער באַס,
טו אַ ברום ווי פון אַ פאַס.
איינס, צוויי, דריי,
כאַ—כאַ—כאַ,
שפּילן מיר אַ שפּיל אַזאַ.

שיינדל,ביינדל, שוואַרצע קאַץ,
נעם אַ שטעקל, פּויק אין טאַץ.
יאַנקל באַנקל, נעם אויך דו,
אויף אַ צימבל, צימבל צו.
איינס, צוויי, דריי,
כאַ—כאַ—כאַ,
שפּילן מיר אַ שפּיל אַזאַ.

(מוזיק פון ארי אבראמסאָן אויף זייט 66)

אַ שפּיל

פֿרילינג ליבער אויף דער גאַס,
פֿרייד און פֿאַרגעניגן;
נעם דעם צימבל און דעם באַס,
צימבל אויף אַ ניגון.

נעמט זיך פֿאַר די הענטלעך אָן,
דרייט זיך אין אַ רעדל;
יעדער יינגל אינעם קאָן,
דריי זיך מיט דיין מיידל.

ס׳רעכטע הענטל שטרעק באַלד אויס,
שטעל אַוועק אַ פֿיסל;
מאַכט דאָס רעדל גרעסער, גרויס,
חנה, ברײַנע, זיסל.

קום, פֿאַרנייג זיך קאַוואַליער,
טו זיך וואויל באַגריסן;
אום דאָס רעדל ניט צעשטער,
הענט אין הענט זיך שליסן.

זעלנער־שפּיל

קינדער, שפּילן מיר אין זעלנער!
אין די רייען זיך געשטעלט!
בערל, שמערל, אַ קאָמאַנדע,
און אַ ביידל אויפגעשטעלט.

נעמט די פייל־און־בויגן, חברה!
יאנקל קלאַפּ אין באַראַבאַן!
לאָדט די ביקסלעך אָן וואָס גיכער,
משה איז דער קאַפּיטאַן.

איינס־צוויי, דריי־פיר,
אין די רייען גייען מיר.
איינס צוויי! איינס צוויי!
גיט דער עלצטער אַ געשריי.

נעמט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס.
יאַנקל קלאַפּ אין באַראַבאַן.
לאָדט די ביקסלעך אָן וואָס גיכער.
משה איז דער קאַפּיטאַן.



ביים ברעג ים

מיט עמערל און שופעלע,
מיט רעש און טאַראַראַם ;
קומען קליינע קינדערלעך,
צו דעם ברעג פון ים.

רחל'ע און ברכה'לע,
צירעלע און מירעלע,
בערעלע און שמערעלע,
יאנקעלע און פערעלע.

בויען אויף אַ שטיבעלע
גראָבן אוים אַ גריבעלע,
גיסן אָן אַ טייכעלע,
לייגן זיך אויף בייכעלע.

שעפּן פולע עמערלעך
וואַסער פונעם ים ;
מאַכן רונדע קוגעלעך
מיט אַ טאַראַראַם.



פרוסי איז אַ קעצעלע

פרוסי איז אַ קעצעלע,
אַ קעצל ווייס ווי שניי;
דינע לאַנגע וואָנצעלעך
מיט אייגעלעך גרינע צוויי.
אַ קליין פאַרריסן נעזעלע,
אַ מיילעכ׳ל מלא-חן;
גריזשעט דאַרעביינדעלעך,
מיט אירע ווייסע ציין.
זשמורעט איין די אייגעלעך,
ציט זיך, דרימלט פויל,
פרוסי מיין קעצעלע,
ס׳איז איר גוט און וואויל.
אַ גאַנצן טאָג עס וואַרעמט זיך,
פרוסעלע אין קיך;
ס׳איז גוט צו זיין אַ קעצעלע,
ניט האָרעווען ווי איך.
ליגט זיך אין אַ ווינקעלע,
און גענעצט, חלום׳ט שטיל;
וואַשט זיך מיטן צינגעלע,
גייט שלאָפן ווען זי וויל.
מאַמע גיט דעם קעצעלע
מילך אַ טעצל פול;
ס׳איז גוט צו זיין אַ פרוסעלע,
זי דאַרף ניט גיין אין שול.

(מוזיק פון שלום סעקונדע אויף זייט 67)

ס׳אַראַ שיינע וועלט

װען זון האָט אַ ליכט געטאָן,
אויף שניי-ווייס פעלד;
האָט גרעזעלע פון טיף
אַן אייגל אַרויסגעשטעלט.
פאַר׳חדוש׳ט אָנגעקוקט די וועלט:
סאַראַ שיינע וועלט — שיינע וועלט. (2)

אַפּייגעלע האָט זיך דאָרט
צעזונגען וויט.
און ס׳טייכל מיט מורמל-רויש
דעם פויגל האָט שטיל באַגלייט,
און ביידע האָבן אָנגעקוועלט:
סאַראַ שיינע וועלט — שיינע וועלט. (2)

און קינדערלעך שליטלען זיך
אויף ווייסן שניי.
די לופט איז אָנגעפילט
מיט זאָרגלאָזן פרייד-געשריי.
זיי זינגען הויך פון גליק באַזעלט:
סאַראַ שיינע וועלט — שיינע וועלט. (2)

(מוזיק פון לעאָ ליאָוו אויף זייט 68)

גאָלדיק פייגעלע

כ'האָב היינט אַ גאָלדיק פייגעלע
פלאַטערנדיק דערזען,
זינגענדיק און שפרינגענדיק —
כ'האָב ניט געקענט פאַרשטיין.

וואָס זינגסטו, זאָג מיר פייגעלע,
וואָס איז די פרייד מיט דיר?
אפשר האָסטו, ליבענקע,
אַ בשורה אויך פאַר מיר?

ענטפערט מיר דאָס פייגעלע:
ס'האָט פרילינג אויפגעוואַכט!
כ'האָב דאָס ערשטע בלימעלע,
אַ מתנה דיר געבראַכט.



פרילינג

גאָלדיק-פריילעך פייגעלע
איז געקומען צו מיין טיר,
און אַ פריילעך ניגונ׳דל
היינט אויסגעזונגען מיר.

צווי-צווי, צווי-צווי,
דער פרילינג איז שוין דאָ,
צווי-צווי, צווי-צווי,
דער פרילינג איז שוין דאָ.

זאָג מיר גאָלדיק פייגעלע,
פון וואַנען קומסטו אַהער?
איז דער וועג דיר, ליבענקע,
ניט אָנגעקומען שווער?

זינגט און זינגט דאָס פייגעלע
עם צוויטשערט, פרייד און לאַכט:
ס׳האָט די מאַמע פרילינג׳ל
מיך דאָ אַהער געבראַכט.

זינגענדיק א ליד

ס'האָט היינט אַ פרילינג'ס ווינטעלע
אַ בלאָז געטאָן פאַרטראַכט ;
האָבן דאַרע בלעטעלעך,
פון ערגעץ אויפגעוואַכט.

האָבן בלעטעלעך ווי הינדעלעך
געלאָזט זיך לויפן ווייט ;
שטיפענדיק און יאָגענדיק,
ווי קינדערלעך פאַרשייט.

געדרייט זיך האָבן בלעטעלעך
אין אַ ק אַ ר אַ ה אָ ד ;
זינגענדיק און שפרינגענדיק,
טאַנצענדיק אין ראָד.

געשטיפט האָבן די בלעטעלעך
ביז געוואָרן מיד ;
איינגעדרימעלט איינציגווייז,
זינגענדיק אַ ליד.

ציטער פלאַטער גרעזעלע

ציטער, פלאַטער גרעזעלע,
רייט איך אויף מיין אייזעלע
מיט מיין שוועסטער רייזעלע.
ציטער, פלאַטער גרעזעלע.

פליו, פליו טייכעלע,
מאַמע ט׳קאָכן אַ יאַכעלע,
אַ געזונט אין בייכעלע,
פליו, פליו טייכעלע.

פלי, פלי פייגעלע,
ווינק מיט דיין אייגעלע,
טראָג מיך אויף דיין פליגעלע,
וויג מיך אין דיין וויגעלע.

פליו, פליו טייכעלע,
ס׳איז מיר גוט אין בייכעלע.

פרילינג׳ס בלימל

כ׳האָב דאָס ערשטע פרילינג׳ס בלימל,
פאַר מיין טיר דערזען:
פלאַטערנדיק און שמייכלענדיק,
פול מיט יוגנטס חן.

ס׳האָט מיין האַרץ געציטערט שטיל,
מיט צער און זון באַהעלט;
פרילינג ליבער, טייערער,
צי ברענגסטו פרייד דער וועלט?...

גייט אַ רעגן

פאַלט אַ שניי און גייט אַ רעגן,
פאַר די קליינע קינדערס וועגן;
פאַר די תבואות אויף די פעלדער,
פאַר דיביימער אין די וועלדער;
גייט אַ רעגן איינס און צוויי,
בליען בלימלעך אַלערליי.
גייט אַ רעגן פון באַגינען,
פילט ער אָן דעם פרישן ברונען;
פאַר דער קו און פאַרן פערד,
פאַר דער ליבער מאַמע ערד,
פאַר די גרעזעלעך אָן צאָל,
פאַר די בלימעלעך אין טאָל.

(מוזיק פון וולאַדימיר חפץ אויף זייט 69)



ביימער

עפּל ביימער, קאַרשן ביימלעך,
שטייען אויף די וועגן,
און עס פאַלט אויף זיי אַראָפּ,
לייכטער פרילינגס רעגן.

לאַכט דער קאַרשן-בוים פאַרשייט,
צווייגן שווערע הענגען;
ס'וועט דער זומער קומען באַלד,
כ'וועל אייך פּירות ברענגען.

זאָגט דער עפּל-בוים גאַנץ קלוג,
שטאָלצירן, ווער מיט וועמען?
מיט מיינע עפּל זאַפטיקע
כ'דאַרף זיך גאָר ניט שעמען.

ענטפערט דעמב צו זיי פון וואַלד,
איך, איך ברענג דער וועלט מער נוצן;
ס'וועלן קליינע קינדערלעך,
זיך אין מיין שאָטן שיצן.

מיין קאַרשן־ביימל

עס האָט מיין קאַרשן־ביימל
זיך שבועות׳דיק צעבליט,
שטייט יום־טוב׳דיק אָנטקעגן,
אויסגעפּוצט אין צוויט.

אויף די גרינע צווייגלעך,
בלימעלעך שוין דאָ;
וועט עס האָבן קאַרשן,
אין אַ גוטער שעה.

קאַרשן פריש און זאַפטיק,
קאַרשן רייף און רויט,
וועלן קינדער עסן,
עסן זיי ווי ברויט.

(מוזיק פון הענרי לעפקאָוויטש אויף זייט 70)



בלאָז ווינטעלע

בלאָז, בלאָז, ווינטעלע,
כ׳גיי מיר מיט מיין הינטעלע;
גיי איך מיר אזוי אין גאַס,
ווער איך פונעם רעגן נאַס.

טריף, טריף, רעגנדל,
פאַלט פון בוים אַ ניסעלע,
טרעט איך מיטן פיסעלע,
אויף רעגן, און אויף ניסעלע.

בלאָז, בלאָז, ווינטעלע,
כ׳גיי מיר מיט מיין הינטעלע.

דער ווינט

דער ווינט איז גאָר אַ שלעכטער,
ער בייזערט זיך כסדר;
ער רייסט מיך פֿאַר די קודלעס,
און שלעפּט מיך פֿאַר די קליידער.

ער פֿלעכט אוים קאַראַהאָדן,
און דרייט זיך ווי אַ ווייכער;
ער שטעקט אַרוים אַ צינגל,
און אַנטלויפֿט וואָס גיכער.

ער שפּילט מיט מיר אין פֿאַנדן,
וויל איך אים געפֿינען,
ציט ער מיך בּיים אויער,
אַנטלויפֿט אינמיטן־דרינען.

אָ ס י ע ן

אויף אַביימל פרישער צווייט,
איבער ביימל חלום בליט.
חלום׳ט צווייגל באַ דער זייט,
פליט אַ פויגל ערגיץ ווייט.

אויף אַ שטענגל ציטערט בלום,
נעמט אַ ווינטל זי אַרום.
ס׳קומט דער אָסיען, ס׳בלימל ווייסט,
צערטעלט ווינטל זי און טרייסט...

ש נ י י

שניי.
איינס, צוויי,
איינס, צוויי,
אין א ווירבל־ווינט געדריי,
פאַלט א שניי,
פאַלט א שניי,
ו ו י י ס ע ר ש נ י י.
ליגן פעלדער ווייס פאַרשפּרייט,
ווי די טישן שיין געגרייט,
און עס שנייט,
און עס שנייט.
קוקן הימלען שטיל פאַרטראַכט,
איבער זילבער, צויבער נאַכט,
האָט א שטערן אויפגעוואַכט,
אין דער ווינטערדיקער נאַכט,
האָבן צווייגלעך זיך צעשפּרייט,
אונטער ווייסן חופּה קלייד,
האָט א ווינטל זיך צעוויינט,
איבער דערפער איבער שטעט,
און עס שנייט, און עס שנייט.
אויף די דעכער פון די שטיבער
אין די לעכער אין די גריבער,
אויף די ווינטערדיקע פעלדער,
אויף די ביימער אין די וועלדער,
אין דער לענג און אין דער ברייט,
ש נ י י ט, ש נ י י ט.

(מוזיק פון וולאַדימיר חפץ אויף זייט 71)

שנייעלעך

פאַלן ווייסע שנייעלעך,
שנייעלעך, שנייעלעך,
פאַלן ווייסע שנייעלעך,
שנייעלעך אין גאַס.

קוקן קליינע הייזעלעך,
הייזעלעך, הייזעלעך,
קוקן קליינע הייזעלעך,
דערשראָקענע און בלאַס.

ווינקען זילבער שטערנדלעך,
שטערנדלעך, שטערנדלעך;
ווינקען זילבער שטערנדלעך,
די וועלט איז אַזוי שיין.

טאַנצט אַרום אַ ווינטעלע,
אַ ווינטעלע, אַ ווינטעלע,
טאַנצט אַרום אַ ווינטעלע —
דער ווינטער קומט צו גיין.



ווינטער

אָנגעשוכט און אָנגעפּעלצט
פאַר ווינטערדיקער קעלט,
באַווייזן זיך די קינדערלעך,
מיט שליטלעך אויסגעשטעלט.

בעקעלעך ווי עפּעלעך,
אייגעלעך פול גליק,
הענטעלעך פאַרפרוירענע,
שלעפּן גיך די שטריק.

ציען זיך די שליטעלעך,
אין פריילעכן גאַלאָפּ,
אוי! עס פאַלט אַ ייִנגעלע,
פון שליטעלע אַראָפּ.



אויפֿן גליטש

ייִנגל־צינגל, צימבל־באָם,
נעם אַרויס דעם שליטן;
לאָמיר לויפֿן אויפֿן גאַס,
דו און איך אינמיטן.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
אין אַ שפּאַן צוזאַמען;
גליטש זיך האַסטיק באַרג אַראָפּ,
אַז באַקן זאָלן פֿלאַמען.

אַ שלעפּ, אַ גליטש, אַרויף, אַראָפּ,
אַ וואָרט נישט רעדן קיינער;
וועט דער רבי זיך דערוויסן,
וועט ער ברעכן ביינער.

(מוזיק פֿון שלום סעקונדע אויף זייט 72)



זינגט אַ פייגעלע

זינגט אַ פייגעלע שטיל פאַר זיך,
טווי־טווי, טווי־טווי.
ביסטו עלנט אַזוי ווי איך?
טווי־טווי, טווי־טווי.

ס'וועט דער פרילינג קומען באַלד,
טווי־טווי, טווי־טווי.
און באַנייען בוים און וואַלד,
טווי־טווי, טווי־טווי.

וועלן קומען קינדער פיל,
טווי־טווי, טווי־טווי.
און באַנייען זייער שפּיל,
טווי־טווי, טווי־טווי.

(מוזיק אויף זייט 73)



ראש־השנה

ראש־השנה אין די וועלדער,
שוין פֿאַלן בלעטער פֿונעם בוים,
גראָז און גרעזל אויף די פֿעלדער,
חלומ'ן דעם לעצטן טרוים.
חלומ'ן דעם לעצטן טרוים.

ראש־השנה'דיק די ווינטלעך ווייען,
עס בלאָזט מיט אָסיענדיקער קעלט;
ליבער זומער האַלט אין פֿאַרגיין,
פֿייגל ציען צו אַ ווייטער וועלט,
אַ ווייטער וועלט.

ראש־השנה'דיק דער הימל בלאַסער,
נאָך צערטלט מוטערלעך די זון.
עס ציטערן די פֿיש אין וואַסער,
דער יום הדין קומט אָן.
יום הדין קומט אָן.

(מוזיק פֿון הענרי לעפֿקאָוויטש אויף זייט 74)



סוכות־ליד

אויפגעשטעלט אַ סוכה׳לע,
פיר ווענט, אַ טיר, אַ דאַך;
און צוגעדעקט דאָס סוכה׳לע
מיט פרישן גרינעם סכך.
טראַ—לאַ—לאַ...

די ווענט באַפּוצט מיט טעפּיכער,
פענצטער קליינע צוויי;
אויף פּאָדעם הענגען ווייַנטרויבן,
און פרוכטן אַלערליי.
טראַ—לאַ—לאַ...

טיש און בענקלעך אויפגעשטעלט,
אַלץ מיט ווייס פאַרשפרייט;
חלה — פריש־געבאַקענע,
האָט מאַמע צוגעגרייט.
טראַ—לאַ—לאַ...

מאַמע אין אַ זיידן קלייד,
מיט אַ פרום געזיכט;
דעקט צנועה׳דיק די אויגן צו,
און בענטשט די יום־טוב־ליכט.
טראַ—לאַ—לאַ...

(מוזיק פון מיכל געלבאַרט אויף זייט 75)

שמחת־תורה

הײַנט, איז שמחת־תורה, קינדער,
נעמט די װײַס־בלױ פֿאָן!
אױף דער פֿאָן אַן עפּעלע,
אין עפּעלע אַ ליכטל,
טאָ צינדט דאָס ליכטל אָן!

מיטן זײדן אין שול אַרײַן,
קומט, חברה, לאָמיר גײן.
אין אַ ראָד זיך דרײען,
זינגען אַ שמחת־תורה ניגון,
זיך מיט דער תורה פֿרײען.

חנוכה

פאַר דעם יום־טוב חנוכה
זענען מיר שוין גרייט;
ס'האָט מאַמע פאַר אונז טאָרבעלעך
פון לייווענט אויפגעניים.

ווועלן מיר די טאָרבעלעך
אויף די העלדזער הענגען;
ס'וועט דער יום־טוב חנוכה
אַזוי פיל פרייד אונז ברענגען.

אין דריידל וועלן מיר שפּילן,
טאָן אַלץ וואָס אונדז געפעלט;
מיר וועלן ביי דעם טאַטן
מאָנען חנוכה־געלט.

זיידע וועט ווי שטענדיק
קיין זאַך ניט פאַרפעלן;
פון חנה'ן מיט די זיבן זין
וועט ער אונדז דערציילן.

וועלן מיר הייסע לאַטקעלעך
יעדן אָוונט עסן;
און דעם נס פון חנוכה
קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

חמשה עשר בשבט

קינדער גייען אין די רייען,
מיט געזאַנג און פרייד געשרייען.

הענט געשלאָסן ליב און טריי,
שפּאַנען קינדערלעך פאַרביי.

אייגלעך גלאַנצן, פיסלעך טאַנצן,
ביימלעך קליינע צו פאַרפלאַנצן.

גלייכע, שטאָלצע, ניט געבויגן,
מיט נצחון פינקלען אויגן.

זייט געבענטשט, איר קינדער ליבע,
זייט געגריסט איר באַרג און טאָל,
אפשר וועט אונדז נאָך באַשערט זיין,
פלאַנצן ביימער דאָרט אַמאָל.

(מוזיק פון שמואל בוגאַטש אויף זייט 76)

דאָרטן

קינדער עסן ראָזשענקעס,
באָקסער — עסן ציגן;
מאַמעס טוען קינדערלעך,
מיט לידעלעך פאַרוויגן.

גרויסע עסן טייטלען — זיס,
קינדער עסן פייגן;
מאַראַנצן גאָלדיק־זאַפטיקע,
הענגען אויף די צווייגן.

שאָף און רינדער פעטענקע,
פאַשען זיך אויף פעלדער;
פייגל, פרייע, פריילעכע,
זינגען אין די וועלדער.

קינדער עסן ראָזשענקעס,
באָקסער עסן ציגן;
מאַמעס טוען קינדערלעך,
מיט לידעלעך פאַרוויגן.



שלח־מנות

שלח-מנות לאָמיר גרייטן,
און זיך שיקן איינס דעם צווייטן,
פלאָדן, שטרודל, געפילט מיט ניס,
האָניק-טייגלעך צוקער־זיס.

שיכעלעך און פידעלעך,
טעלערלעך און שיסעלעך,
שערעלעך און קישעלעך,
אַלץ געמאַכט פון צוקערלעך.

מלכות-ברייטלעך, מאָנדעלעך,
און גאָלדענע מאַראַנצן,
וועט זיין פריילעך קינדערלעך,
פריילעך נאָר צום טאַנצן.

היטלער־המן־טאַשן

קינדער קליינע שפּילן זיך,
גרויסע קינדער רעשן.
ליבע מאַמעס גרייטן צו,
היטלער־המן־טאַשן.
טאַטעס גייען אַרבעטן,
קינדער ניסלעך קנאַקן;
מאַמעס זיצן אין דער היים,
און זיי קאָכן — באַקן
האָניק לעקעך, מאָנדעלעך,
פאַר קינדער צום נאַשן;
ליבע מאַמעס גרייטן צו,
היטלער־המן־טאַשן.
היטלער־המן אויס, נישטאָ,
שוין נישט אַצינדער;
ס׳קומט אַ נייער יום־טוב אָן,
פרייט זיך, הוליעט קינדער.

(מוזיק פון פּנחס יאַסינובסקי אויף זייט 77)



אַ פּסח־ליד

פּסח איז געקומען
מיט זון אין יעדן צעלט;
ס'איז דער פרייהייטס־יום־טוב,
דער שענסטער אויף דער וועלט.
יום־טוב'דיק דאָס געסל,
דאָס הויז איז פול מיט פרייד;
ס'האָט די ליבע מאַמע
שוין אַלצדינג צוגעגרייט:
מצות און חרוסת
שטייען אויפן טיש,
וויין אויף ארבע כוסות,
און געפילטע פיש.

(מוזיק פון שמואל בוגאַטש אויף זייט 78)



פסח־ליד

פֿאַר מיר, פֿאַר מיין שוועסטער׳ל,
פֿאַר דער קליינער אסתר׳ל,
האָט די מאַמע אויף פּסח
נייע קליידלעך אויפגעניים.

הייזעלעך און רעקעלעך,
שיכעלעך און זעקעלעך,
זענען פֿאַר די ברידערלעך,
אויף יום־טוב צוגעגרייט.

מאַמע לויכט אַ ליכטיקע,
אויסגעפּוצטע־ציכטיקע,
שטראַלט אַ פרומע־פריידיקע,
אין אירע יום־טוב קליידער.

יום־טוב׳דיק און ברייט,
דער טיש שטייט ווייס געשפּרייט,
מיר גרייטן זיך שוין אַלע,
צו דעם ערשטן סדר.

ל״ג־בעומר

קינדער קומט זשע גרויס און קליין,
לאָמיר היינט אין וועלדל גיין;
זעט, עס גרינען שוין די וועגן,
לאָמיר יום־טוב גיין אַנטקעגן.

זעט ווי שיין עס איז גאָט׳ס וועלט!
לאָמיר לויפן גיך אין פעלד;
מיט געזאַנג, מיט פייל־און־בויגן.
ס׳גרינען פעלדער פאַר די אויגן.



שבועות

דער יום-טוב שבועות איז שוין דאָ,
אין אַ מזל׳דיקער שעה;
וועלן מיר מיט פרישן גרינס,
אויספּוצן די ווענט.

זומער-לעב שוין אויף די גאַסן,
קינדער טומלען, קינדער רעשן,
פילן אָן מיט שפיל די גאַסן,
פלעסקן מיט די הענט.

פון קיך עס שמעקן גוטע זאַכן:
אַ געפילטער פּוטער-קוכן,
מיליכיקע בייגעלעך,
און בלינטשעקעס פון קעז.

ס׳איז דער מאָרגן אַזוי שיין,
לאָמיר, קינדער, אַלע גיין
קלייבן גרינע צווייגעלעך
אין פרישן, בלויען בעז.

(מוזיק פון פנחס יאַסינובסקי אויף זייט 79)

בלינטשעקעס

איך האָב געזען אַ גערטנדל —
פּורפּור־פּרישער־בלויער בעז,
אויף צווייגלעך וואַקסן בלינטצעס,
געפּילט מיט פרישן קעז.

אַביימל, ווי מײַן מאַמע,
טוט האַרציק צו מיר ווינקען;
און דערלאַנגט מיר בלינטשעקעס,
אין סמעטענע געטונקען.

ברוינע, פעטע, בלינטשעקעס,
וואָס צעגייען זיך אין מויל;
עס איך, עס די בלינטשעקעס,
ס'איז מיר גוט און וואויל.

כאַפּ זיך אויף אַ פריילעכער,
וואָס איז דאָ געשען?
אַך, סאַ'שיינער חלום,
אַ חלום בלויז געווען.



צען הינער מיט אַ קאַטשקע

(פּאַבל)

צען הינער מיט אַ קאַטשקע,
האָט אַ פּויער אויף אַ טאַטשקע
געפירט אין שטאָט אַריין פאַרקויפן.
קו־קו־רע־קו. קו־קו־רע.
הינער ווייסע, הינער ראַבע —
און אַ קאַטשקע, פעטע, גראָבע,
איז געזעסן ווי אַ באָבע,
קו־קו־רע־קו, קו־קו־רע.
האָט אַ קלוגער האָן דערזען,
האָט ער אָנגעהויבן קרייען.
קו־קו־רע־קו
איך בין דאָ.
צען הינער מיט אַ קאַטשקע,
האָט אַ פּויער אויף אַ טאַטשקע,
געפירט אין שטאָט אַריין פאַרקויפן
קו־קו־רע־קו, קו־קו־רע.
זע נאָר, זע נאָר אַזאַ טשאַטשקע,
ביסט דאָך מער ניט ווי אַ קאַטשקע,
קורצע פיס און גראָבער בויך,
האָסט געהערט אַ קאַטשקע יויך ?
צען הינער מיט א קאַטשקע,
האָט אַ פּויער אויף אַ טאַטשקע,
געפירט אין שטאָט אַריין פאַרקויפן,
קו־קו־רע־קו, קו־קו־רע !

(מוזיק פון מאַניאַ קליין אויף זייט 80)

מיכל געלבארט

מאַמע לשון

Freilech





מיכל געלבאָרט

יידיש מיידעלע





לעאן מאלאמוט

יאנקעלע





חי״שרהלע

con Moto





אַ שפּיל


allegretto
Pa-tchn hent-lech tu-pen fis mir dem e-pl dir di nis
du a zog un ich a zing du a tantz un ich a shpring
mir a tei-tl dir a faig mir a ble-tl dir a tzvaig
ritt...
Tempo
du der cho-chem ich der nar gib an e-pl mir der-far



מיכל געלבארט

א רינג





ארי' אבראמסאָן

א שפּיל אַזאַ



שלום סעקונדא

פרוסי איז אַ קעצעלע





לעאַ ליאָוו

ס'אַראַ שיינע וועלט





וולאדימיר חפין

גייט אַ רעגן



מיין קאַרשן־ביימל

MODERATO



וולאדימיר חפץ

שנײ



שלום סעקונדא

אויפן גליטש

Allegretto





זינגט א פייגעלע



ראש השנה


ROSH - HA - SHO — NO IN DI VEL - DER SHOIN
FA - LN BLE - TER FU - NEM BOIM —
GROZ - UN GRE - ZL OIF - DI - FEL - DER
CHO - LE - MEN DEM LETZ-TN TROIM
CHO - LE - MEN DEM LETZ-TN, DEM LETZ- TN TROIM

מיכל געלבארט

סוכות ליד





שמואל בוגאטש

חמשה עשר בשבט





פנחס יאסינובסקי

פורים ליד



שמואל בונאטש

פסח ליד





פנחס יאסינובסקי

שבועות ליד

moderato



מאניא קליין

צען הינער מיט אַ קאַטשקע



אינהאַלט

זייט

איך זינג	5
מאַמע־לשון	6
אַ יידיש מיידעלע	7
יאַנקעלע	8
אַ מעשה׳לע אײ־אײ!	9
אַ מעשה	10
דבורה׳לע	11
בריינדל מזיק	12
חיה־שרה׳לע	13
בערעלע	14
ווען איך וועל ווערן גרויס	15
אַ ייִנגעלע	16
די מאַמע	17
אַ רינג	18
דער קליינער איצל	19
פּאַטשן הענטעלעך	20
אַ שפּיל אַזאַ	21
אַ שפּיל	22
זעלנער־שפּיל	23
ביים ברעג ים	24
פּרוסי איז אַ קעצעלע	25
ס׳אַרא שיינע וועלט	26
גאָלדיק פייגעלע	27
פּרילינג	28
זינגענדיק אַ ליד	29

באַמערקונג:

דורך אַ טעות זיינען די מוזיק־זייטען
איבערגערוקט מיט 3 נומערן פריער.

ציטער פלאַטער גרעזעלע 30
פרילינג׳ס בלימל 31
גייט אַ רעגן 32
ביימער 33
מיין קאַרשן־ביימל 34
בלאָז ווינטעלע 35
דער ווינט 36
אָסיען 37
שניי 38
שנייעלעך 39
ווינטער 40
אויפן גליטש 41
זינגט אַ פייגעלע 42
ראש־השנה 43
סוכות־ליד 44
שמחת־תורה 45
חנוכה 46
חמשה עשר בשבט 47
דאָרטן 48
שלח־מנות 49
היטלער־המן־טאַש 50
אַ פסח־ליד 51
פסח־ליד 52
ל״ג־בעומר 53
שבועות 54
בלינטשעקעס 55
צען הינער מיט אַ קאַטשקע 56

אַ דאַנק

דאָס ביכל איז די ערשטע גרעסערע זאַמלונג פון מיינע קינדער־לידער, וואָס האָט די זכיה צו דערשיינען אין בוך־פאָרם. איז פאַר מיר אַ גרויסע געשעעניש און איבערלעבונג. ווארום אָט די לידער זענען געשריבן געוואָרן ניט בלויז אויס דיכטערישן דראַנג נאָר אויך מיט אַ געזעלשאַפטלעך דערציערישער כונה. מיט די לידער וועגן לעבן פון קינדער, יידישע ימים טובים, און אַנדערע מאָטיוון, האָב איך געוואָלט מאַכן מיין קליינעם בייטראַג צו דער אָנשטרענגונג וואָס ווערט געמאַכט צו שאַפן אַ ליטעראַטור פאַר אַמעריקאַנער יידישע קינדער אויף יידיש, וואָס זאָל העלפן געווינען אונדזערע קינדער פאַר אונדזער לשון, אונדזער קולטור און אונדזער סביבה. איך וויל האָפן, אַז דאָס האָט זיך מיר כאָטש טיילווייז איינגעגעבן.

אַ גרויסער טייל פון די לידער זענען געווען געדרוקט אין אונדזערע פאַרשידענע קינדער זשורנאַלן. אויפזאַמלנדיק זיי אין איין בוך האָב איך דאָס געפיל פון אַ מוטער, וואָס זאַמלט אויף אירע צעזייטע און צעשפּרייטע קינדער אונטער איין דאַך. איבערגעבנדיק דאָס בוך דער עפנטלעכקייט, פיל איך ווי אַ מוטער, וואָס פירט איר קינד צו דער חופה און לאָזט עס דערמיט אַרויס פון איר אייגענעם רשות אין דעם רשות פון דער ברייטער וועלט. בין איך דערביי איבערפילט מיט מאַמישער פרייד געמישט מיט אַביסל זאָרג און מיט האָפענונג, אַז דאָס ביכל וועט נושא חן זיין ביי דער קריטיק און איבערהויפּט ביי די יידישע לערער, וועלכע דאַרפן זיין די שדכנים צווישן מיינע לידער און זייערע תלמידים און תלמידות.

מיט אָט דעם געמיש פון הייליקע געפילן וויל איך מצרף זיין צו מיין שמחה אַ צאָל מענטשן, וועלכע האָבן אַ חלק אין דעם ביכל און זיין דערשיינונג.

דער ערשטער איז דער חשוב'ער פּעדאַגאָג, חבר ש. שאַפּירא, וועלכער האָט מיך דערמוטיקט אַרויסצוגעבן דאָס ביכל, האָט מיר חבריש געהאָלפן ביים אָפּקלייבן די לידער, האָט געלייענט די קאָרעקטור און געהאַלטן אַן אויג אויף אַ סך טעכנישע פּרטים, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אַרויסגעבן אַ בוך.

דאַן קומען די חשוב'ע קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע האָבן אַלע מיט האַרציקער חבר'שאַפט אָנגענומען מיין ווענדונג צו שאַפן מוזיק פאַר די לידער, און האָבן דאָס געטאָן לא על מנת לקבל פּרס. דערביי וויל איך באַזונדערס דערמאָנען דעם חבר מיכל געלבאַרט, וועלכער האָט אַ חוץ זיינע קאָמפּאָזיציעס אויך אַ חלק אין פּלאַנירן און טעכניש צוגרייטן דעם מוזיקאַלישן טייל פון ביכל.

אַ חשוב'ער מחותן איז דער מאָלער הערב קראַקמאַן, וועלכער האָט אַזוי פיין באַפּוצט דאָס ביכל און אויסגעטייטשט די גרעסטע צאָל פון די לידער מיט זיינע פיינע ציכענונגען.

אַ חלק אין דער שמחה האָט אויך דער חשוב'ער ליטעראַטור קריטיקער און דער פּיאָנער פון דער יידישער שול אין אַמעריקע, חבר יואל ענטין, דורך זיין לייענען די לידער, געבן ווערטפולע עצות און קריטישע באַמערקונגען.

אַ וויכטיקן חלק אין דער דערשיינונג פון דעם בוך האָבן אויך די חברים ש. באַנטשיק, פּ. גינגאָלד, נ. כאַנין, און די ברידער שולזינגער.

זיי אַלעמען, מיין האַרציקן דאַנק, און מיין וואונטש, אַז צוזאַמען מיט מיר זאָלן זיי זייער אמתן שכר געפינען אין הערן דעם קלאַנג פון די ווערטער און די מעלאָדיעס פון די לידער אין די מיילער פון אונדזערע ליבע קינדערלעך.

עליזה גרינבלאַט

סעפּטעמבער, 1947, סי־גייט, ניו־יאָרק.